


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.



## אמרות שמשון

### יתרו בעט משה רבינו זאל ארויסקומען צו אים • יתרו וויל נישט אריינגיין אין מחנה לויה • כלל ישראל שטייט שוין אין א גרעסערע דרגה

**וַיֹּאמֶר אֶל מֹשֶׁה אֲנִי חֹתֶנְךָ יִתְרוֹ בָּא אֵלֶיךָ וְאִשְׁתְּךָ וּשְׁנֵי בָנֶיהָ עִמָּהּ** (יח, ו): עס שטייט אין רש"י (ד"ה אני חתנך), **אם אין אתה יוצא בגיני צא בגין אשתך, ואם אין אתה יוצא בגין אשתך צא בגין שתי בניה**. יתרו האט זיך געבעטן צו משה רבינו ער זאל ארויס קומען צו אים. און געזאגט, אויב ווילסטו נישט ארויס גיין צוליב מיר, דאן גיי ארויס צוליב דיין פרוי. אויב דאס איז נישט גענוג, גיי ארויס צוליב דיינע צוויי קינדער.

**דארף** מען פארשטיין פארוואס עפעס האט יתרו אזוי שטארק געוואלט אז משה רבינו זאל אים אנטקעגן קומען, פארוואס האט ער נישט געקענט אריינגיין אינעווייניג צו משה רבינו?

**עס** שטייט אין חז"ל (מסכת כלים פ"א מ"ח), **הַחֵיל מקדש ממנו, שאין גוים וטמאי מת נכנסים לשם**. דער חֵיל, (דער ארט צווישן די סורג און די חומת העזרה. די סורג איז א צוים וועלכע איז געווען געשטעלט אויפן הר הבית פערצן אמות אפגערוקט פון די חומת העזרה, און האט ארומגענומען דער גאנצע בית המקדש). איז געווען געהייליגט אז גוים און טמאי מתים זענען נישט ערלויבט אריינצוגיין פון דארט אין ווייטער צום בית המקדש. (דאס איז נאר א איסור מדרבנן, אבער מדאורייתא קען אפילו א מת זיך געפונען אין מחנה לויה).

**מיט** דעם קען מען מסביר זיין פשט ביי אונז אין פסוק, דער 'חיל' געפונט זיך אין 'מחנה לויה'. און משה רבינו וועלכע איז געווען א לוי האט געוואוינט אין מחנה לוי. וואס דארט איז פארבאָטן מדרבנן פאר א גוי אריינצוגיין.

**דעריבער** האט יתרו מחמיר געווען אויף זיך און האט נישט געוואלט אריינגיין צו משה רבינו אין מחנה לויה, דערפאר האט ער געבעטן משה רבינו זאל ארויס קומען צו אים אינדרויסן.

◆ ◆ ◆

**די** אורזאך פארוואס יתרו האט זיך געדארפט איינבעטן ביי משה רבינו ער זאל באַווייליגן ארויסצוקומען צו אים, (און געקלערט אז משה רבינו וועט אים מאכן שווערקייטן אריינצוקומען אין כלל ישראל). טראץ וואס ער האט געוואוסט אז משה רבינו האט אנגענומען די 'ערב רב' אין כלל ישראל.

**דאס** איז געווען צוליב דעם וואס די ערב רב זענען געקומען גלייך ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, און די אידן זענען נאכנישט געשטאנען אין א הויכע דרגה. זיי האבן נאך מורא געהאט פון מצרים, עס איז נאכנישט געווען קיין מָן, און דערנאך איז געקומען מלחמת עמלק.

**דאקעגן** יעצט זענען שוין די אידן געשטאנען זייער גוט, נאכן דורכגיין דער ים סוף, באזיגן עמלק, מען באקומט מָן פון הימל, בארה של מרים, און נאך.

**דעריבער** האט ער געקלערט אז משה רבינו וויל מער נישט אָננעמען קיין גרים, און האט זיך געדארפט איינבעטן ער זאל ארויסקומען צוליב זיין ווייב און צוויי קינדער.

(פרשתינו אות ב')

### עשרת הדברות • צען דברות איינע אנטקעגן די אנדערע • די פארבינדונג פון א דיבור מיט דעם דיבור אנטקעגן איבער • דער רמז וואס דאס קומט אונז צו לערנען

**עשרת הדברות**. עס ווערט געברענגט אין חז"ל (שמות רבה מז, ו), די עשרת הדברות זענען געווען אויסגעשטעלט אויף צוויי לוחות, פינעף אויף איין לוח און פינעף אויף דעם אנדערע לוח. און עס איז געשטאנען א דיבור אנטקעגן די אנדערע מיט דער פאלגענדע סדר:

| | | |
|---|---|---|
| אָנֹכִי | ‹ | לֹא תִרְצָח |
| לֹא יִהְיֶה לְךָ | ‹ | לֹא תִנְאָף |
| לֹא תִשָּׂא | ‹ | לֹא תִגְנֹב |
| זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת | ‹ | לֹא תַעֲנֶה |
| כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ | ‹ | לֹא תַחְמֹד |

מען קען ערקלערן בדרך רמז די פארבינדונג וואס יעדע דיבור האט מיט דעם דיבור אנטקעגן איבער.



לומדים זרע שמשון וזוכים לישועה.


לפרטים ולתרומות:
ארה"ב 347-496-5657
א"י 02-80-80-500
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

| לברכה והצלחה | לזש"ק בקרוב | לעילוי נשמת |
|---|---|---|
| צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים | אלעזר דוד גיטל וזוגתו חיה רחל בת ריזל להיפקד בזרע של קיימא בקרוב | הרב בנימין ב"ר יחיאל הלוי ז"ל נלב"ע ג' שבט ת.נ.צ.ב.ה. |

## אָנֹכִי - לֹא תִּרְצָח:

**מיט** דעם דיבור ווארנט די תורה, א מענטש זאל שטענדיג דאווענען מיט כוונה און אינזין האָבן די ווערטער.

**וויבאלד 'אנכי'** איז מרומז אויף תפילה מיט כוונה, ווי עס שטייט אין גמרא (ברכות כח:), **ר' אליעזר אומר כשאתם מתפללים דעו לפני מי אתם עומדים** (אנכי ה'), 'ווען ענק דאווענען זאלן ענק וויסן אנטקעגן וועמען מען שטייט'. מ'זאל דאווענען מיט פארכט און כוונה (רש"י שם).

**און** תפילה אָן כוונה ווערט פארערכענט ווי א גוף אָן א נשמה. און דאס איז מרומז אין **'לא תרצח'**. אזוי ווען א מענטש שטארבט טיילט זיך אפ די נשמה פונעם גוף. דאס זעלבע איז ווען איינער דאווענט אן כוונה איז דאס כגוף בלי נשמה. דערפאר איז 'אנכי' אנטקעגן 'לא תרצח'.

**נאך** א פשט, די סיבה פארוואס כלל ישראל האט געזינדיגט און מיטן 'חטא העגל', און עובר געווען אויף **אנכי ה' אלוקיך**. איז געווען צוליב זיי האבן גע'הרג'עט 'חור' וואס האט זיי געזאגט מוסר. דערפאר שטייט 'לא תרצח' אנטקעגן 'אנכי ה' אלוקיך'.

## לֹא יִהְיֶה לְךָ - לֹא תִּנְאָף:

**עס** שטייט אין חז"ל דער וואס איז עובר אויף זנות, וועט האבן קינדער וואס וועלן דערצערנען דעם אויבערשטן ח"ו, און עובר זיין אויף **לא יהיה לך**. דערפאר שטייט 'לא תנאף' אנטקעגן 'לא יהיה לך', וויבאלד זנות (לא תנאף) וועט גורם זיין צו עובר זיין אויף 'לא יהיה לך'.

## לֹא תִשָּׂא - לֹא תִּגְנֹב:

**עס** ווערט געברענגט אין רש"י (ויקרא יט, יא), דער וואס גנב'עט וועט צום ענדע עובר זיין צו שווערן שבועת שקר. דערפאר שטייט 'לא תשא' אנטקעגן 'לא תגנב', וויבאלד עובר זיין אויף 'לא תגנב' ברענגט צו מען זאל עובר זיין אויף 'לא תשא'.

## זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת - לֹא תַעֲנֶה:

**שבת** קודש איז א זכר צו בריאת העולם, און דער וואס רעדט שקר איז פוגם אין דער דיבור פון 'זכור את יום השבת', וויבאלד ער איז מער נישט באגלייבט צו זאגן עדות אויפן שבת. דערפאר איז 'זכור' אנטקעגן 'לא תענה'.

**מיט** דעם קען מען פארשטיין פשט בדרך רמז אין די הלכה וואס ווערט געברענגט אין משנה (דמאי פ"ד מ"א ועיי"ש בפירוש הרע"ב), א 'עם הארץ' איז באגלייבט שבת מיט זיינע ווערטער מער פון אינדערוואכן. וויבאלד ער האט 'אימת שבת' (די פארכט פון שבת), און איז נישט 'חשוד לשקר' (פארדאכט צו זאגן ליגנט). דאס איז א דין וואס מיר געפונען נישט אין אנדערע ערטער.

**מען** קען דאס פארשטיין לויט די אויבנדערמאנטע פשט. אז עס איז ספעציעל הארב צו זאגן ליגנט שבת. וויבאלד דער דיבור פון שבת איז אנטקעגן 'לא תענה', דעריבער אפילו דער עם הארץ האט מורא צו לייקענען אום שבת קודש.

## כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ - לֹא תַחְמֹד:

**עס** שטייט אין גמרא (ע"ז ה.), **אמר ר"ל, באו ונחזיק טובה לאבותינו שאלמלא לא חטאו, אנו כמי שלא באנו לעולם**. מען דארף מכיר טובה זיין אונזערע עלטערן וואס האבן געזינדיגט (מיטן חטא העגל, רש"י), ווייל אויב וואלטן זיי נישט געזינדיגט וואלטן זיי נישט געשטארבן, און אין די צייט וואס די עלטערן לעבן זענען די קינדער גארנישט ווערד, וויבאלד די עלטערן זענען חשוב און בעסער פון זיי (רש"י).

**דערפאר** איז די תורה מרמז **כבד את אביך** - א מענטש זאל שעצן זיין טאטע און מאמע, און נישט גלוסטן (לא תחמד) און וואַרטן זיין טאטע זאל שטארבן כדי ער זאל קענען איבערנעמען אדער באקומען כבוד נאכדעם וואס זיין טאטע שטארבט. דערפאר איז 'כבד את אביך' אנטקעגן 'לא תחמוד', אז א מענטש זאל מכבד זיין די טאטע און נישט גלוסטן ער זאל שטארבן.

**מיט** דעם קען מען ערקלערן, פארוואס די תורה לייגט צו א ספעציעלע שכר צו מצות כיבוד אב ואם **'לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ'**. טראץ וואס מיר וויסן שוין דאס גרויסקייט פון כיבוד אב ואם, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל 'כלל גדול בתורה', און דער תורה גלייכט צו כיבוד אב צו דער כבוד פונעם אויבערשטן.

**דאך** וויל די תורה מוסיף זיין, א מענטש זאל נישט דאגה'נען אויף כבוד און געלט וואס עס פעלט אים צוליב דעם וואס זיין טאטע לעבט נאך, נאר ער זאל וויסן אז דורכדעם וואס ער וועט מכבד זיין די טאטע, וועט ער אליינס האבן אריכות ימים און זיין כבוד וועט זיך פארלענגערן, און אלעס וואס ער האט פאַרפאַסט ווען זיין טאטע האט געלעבט וועט ער דעמאלטס צוריק באקומען. (פרשתינו אותיות כב - כו)


מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר

רבנו **שמשון חיים נחמני** זלה"ה

בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוך המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

'קול זרע שמשון העולמי'

ארץ ישראל **02-80-80-600**

ארה"ב **716-229-4808**

לונדון **0333-300-2515**

ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

**תורמים ונושעים**

ארץ ישראל **02-80-80-500**

ארה"ב **347-496-5657**

או **באתר:** www.zerashimshon.co.il

קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת



**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן ארץ ישראל: 05271-66-450 בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**